


# ברייטסטע שטיצע ביים ציבור לטובת די מוסדות הק' אין בעפָארברייטונג צום דינער השנתי כ"א כסלו

**לעצטע פלענער צו פלאצירן דעם כינוס השנתי כ"א כסלו, קאמבאנירט מיט סיום מס' סוטה אין חבורת יסודי התורה און שבע ברכות פאר נכדת מרן הגה"ק שליט"א**

וויליאמסבורג. – פונעם צענטראלן אפיס פון די מוסדות הק' אין וויליאמסבורג ווערט געמאלדן, אז אין די לעצטע דריי וואכן זינט די עסקנים חשובים האבן אנגעהויבן ארומגיין קלאפן על פתחי נדיבים צום גאנצן ציבור, אויפצוטרייבן גרויסע נדבות אין בעפארברייטונג צום דינער השנתי כ"א כסלו הבעל"ט, דערקענט זיך היי-יאר א ברייטערע אויפוואכונג און א ריזן ציבור שליסן זיך אן מיט גאר ברייטע באשטייערונגען, צו זיין א שותף אין די צענדליגער טויזנטער שעות לימוד התורה וחינוך הבנים פון תשב"ר על טהרת הקודש.

ס'איז באמת גאר דערפרייענד פאר די עסקנים צו זען די

הדרכה נפלאה פאר הצלחה בחינוך הבנים!
ממשנת מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע
זייט ג

המוסדות, נאכדעם וואס דער פארגאנגענער יאר איז באמת געווען גאר שווער און אומדערטרעגליך, מיטן עול הגשמי צו קענען דעקן דעם אסטראנאמישן בודזשעט פון שווערע מיליאנען דאללארן, און צוענדיגן די מעכטיגע בנינים מפוארים איבער די לענג און די ברייט פון די שטאט וויליאמסבורג, און בעיקר העולה על כולנה מיטן פארזעצן דעם רוחניות'דיגן מצב החינוך אויפן העכסטן סטאנדארט וואס נאר מעגליך, אזש די מוסדות הק' זענען היינט בארימט אלס דער שענסטער מוסד התורה והחינוך אין די גרויסע שטאט וויליאמסבורג.

בלויז דעם לעצטן יאר זענען די מוסדות כמעט פארדאפעלט געווארן פון איר צאל תלמידים ותלמידות ביים זמן התחדשות המוסדות מיט אומגעפער פינף יאר צוריק, בחודש אלול תשס"ו. דאן האט מען אנגעהויבן די מוסדות מיט עפעס העכער 3,000 קינדער, און היינט צו טאג, בחודש כסלו תשע"א, מיט קנאפע פינף יאר שפעטער, האלט דער ציפער ביי 6,000 קינדערלעך בלי עין הרע, כמותם ירבו.

פארזעצונג אויף זייט ו ◄◄

**לייגט קומענדיגע וואך א העכסט אינטערעסאנטע אינטערוויו מיט איינער פון די גרויסע עסקנים לטובת מוסדותינו הקדושים, וועלכע איז שוין ארומגעגאנגען צו הונדערטער אנ"ש און הורי תלמדינו הק' אין לויף פון די לעצטע עטליכע יאר.**

**ווארט מיט שפאנונג**

# יהי ביתך פתוח לרוחה



אין בעפארברייטונג צום יערליכן דינער "כ"א כסלו", גייען אין די טעג ארום די עסקני המוסדות אפשטאטן באזוכן אין די הייזער פון אנשי שלומינו תושבי וויליאמסבורג, אויפצוטרייבן סכומים להחזקת מוסדותינו הק' אין ראם פון דעם "חד יומא" קאמפיין.

**מיר ווילן זיך באדאנקן פאר די הונדערטער אנשי שלומינו וועלכע האבן מקיים געווען דעם "יהי ביתך פתוח לרוחה" און זיי אויפגענומען בסבר פנים יפות און זיך אנגערופן ווארעם מיט גרויסע סכומים פאר די מוסדות הקדושים.**

אין די פארלאפענע וואכן האבן די עסקנים שוין באזוכט אין די הייזער פון אנ"ש וועלכע וואוינען אויף די פאלגנדע גאסן:

**מוירטל** עוועניו • **סקילמאן** סטריט • **פארק** עוועניו • **טעפי** פלעיס • **וואלאבאוט** סטריט • **לארימער** עוועניו • **בראדוועי** עוועניו • **סאוט 9** סטריט • **סאוט 8** סטריט • **סאוט 5** סטריט

**ויקרא שמה רחובות כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ:** (בראשית כו כב)

מיט די הילף פון יעדן יחיד מאנ"ש וועלכע האט זיך אנגעשלאסן אין דעם "חד יומא" קאמפיין, האבן מיר די מעגליכקייט ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה און מחנך זיין אונזערע קינדער על דרך ישראל סבא.

אין די קומענדיגע וואכן וועלן די עסקנים אי"ה ווייטער ארומגיין צו די הייזער פון די פאלגנדע גאסן:

**הויז סטריט • הופפער סטריט • פען סטריט • ראטלעדזש סטריט • העווארד סטריט • פלאשינג עוועניו • ספענסער סטריט • העריסאן עוועניו • מארסי עוועניו**

**טייערע ברידער! ווען די געטרייע שליחים פון די מוסדות קלאפן אויף אייער טיר נעמט זיי אריין צו אייך אין שטוב ביותרת הכבוד, און שליסט אייך אן מיט די הונדערטער אנ"ש וואס האבן שוין אנטייל גענומען אין דעם קאמפיין.**

ישיבה תורה ויראה דסאטמאר
נתייסדה ע"י כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## דינער השנתי
## כ"א כסלו

# הדרכה נפלאה פאר הצלחה בחינוך הבנים!

**חלק ב׳**

## ממשנת מרן רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע

האלטן מיר אינמיטן די פארגאנגענע וואך. עס איז תשי״ח, בלויז געציילטע יאר נאכדעם וואס אונזערע היזיגע מוסדות אין וויליאמסבורג זענען נתייסד געווארן דורך מרן רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע. שוין אין די ערשטע יארן האבן די מוסדות זיך צובליט אויף א געוואלדיגן פארנעם, אבער נאך פיל מער איז עס געווען אין די יארן פריער, נאכדעם וואס די ביז-דאן הערמאטיש פארשלאסענע טויערן פון די קאמאניסטישע אונגארן האבן זיך פלוצים געעפענט אויף עטליכע טעג, און טויזענטער פליטים וואס ביז דעמאלט געווען געשטראנדעט, האבן פארלאזט דאס לאנד, ארויסקומענדיג צו די פרייע וועלט.

פילצאליגע היימישע אידן זענען דאן אנגעקומען קיין וויליאמסבורג, און האבן אריינגעגעבן די קינדער אין אונזערע הייליגע מוסדות, וועלכע זענען דאן געשטיגן מיט גאר א הויכן מספר פון תלמידים, ווי געברענגט ווייטער.

ביים דינער יענעס יאר, וועלכע איז - ווי שוין דערמאנט פארגאנגענע וואך - אפגעהאלטן געווארן ביום א׳ פרשת יתרו, האט דער רבי זי״ע זיך ווי צושמועסט מיטן ציבור, ארויסברענגענדיג דעם שווערן מצב אין וועלכע די הייליגע מוסדות געפונען זיך ליידער. בנועם אמרותיו האט דער רבי זי״ע מסביר געווען וואס עס איז זיכער אז דאס גאנצע פארוואס מען איז ניצל געווארן מתוך כבשן האש, פון די ביטערע צרות וואס מען איז דורך אין די קריגס יארן, איז נאר געווען, כדי מען זאל אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות, און דעריבער טראץ וואס יעדער איז אזוי אנגעשטרענגט מיט אייגענע הוצאות, און טראץ וואס מ׳האט נישט קיין פרנסה בריווח, דארף מען זיך אנשטרענגן צו שטיצן די מוסדות מיט גרעסערע סכומים.

בין הדברים האט דער רבי זי״ע דאן געזאגט בל״ק:

״מורי ורבותי. מ׳דארף דאך נישט זאגן. מ׳האט אונז אהער פארטריבן אין די מדינה מיט נסים ונפלאות. ס׳איז גרויסע חסדים אז מען איז ניצל געווארן מיטן לעבן, און אז מען איז אנגעקומען אהער (קיין אמעריקע). עס איז זיכער נישט אומזיסט. מ׳דארף דאנקן דעם אויבערשטן אז ער האט אונז ביז איצט נישט פארלאזט, און מ׳האמיר זוכה געווען אויפצושטעלן א מקום חינוך לתורה.

**״מ׳האט אנגעהויבן מיט ליידיגע הענט, אבער איצט אנהייב ווינטער האבן מיר שוין געהאלטן ביי מער פון אכצן-הונדערט קינדער. כ׳האב געטראכט א רמז ״כי הם חיינ״ו״.**

״האב איך געטראכט אז עס וואלט זיך געפאסט אז יעדער זאל געבן ״ח״י דאלאר״ וייל מען האלט דיי ביי א מספר פון ח״י, ח״י מאות קינדער...

״אבער איצט ווען מען האלט שוין נענטער צום סוף ווינטער זעה איך אז איצט איז שוין דא מער פון ״ניינצן הונדערט״ קינדער! עס איז א כלל גדול, אז א ״מיעוט״ אויב מען געט ווייניגער פון

---

## דער רבי אפעלירט פאר ״אונזערע״ מוסדות

### א הבטחה צו קענען מגדל זיין קינדער אין די היינטיגע שווערע זמנים!

פארגאנגענע וואך האבן מיר געברענגט א חלק פונעם דרוש וואס מרן רביה״ק זי״ע האט געזאגט ביים דינער השנתי לטובת מוסדותינו הק׳ בשנת תשי״ח. דער רבי זי״ע האט בין הדברים געזאגט, אז טראץ וואס שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, אבער ווען א איד טוט א זאך וואס ער איז נישט מחויב צו טון. ער טוט מער וואס עס פאדערט זיך פון אים, איז יא דא שכר מצוה אויף די וועלט. און וואס איז דער ״שכר״ זאגן שוין חז״ל ״שכר מצוה מצוה״. דער שכר וואס מען באקומט איז דאס אליינס, אז מען האט די מעגליכקייט אויסצופירן די מצוה וואס מען האט אנגעהויבן צו טון!.

האט דער רבי זי״ע ערוועגט, אז ווען איינער שטרענגט זיך אן איבער זיינע מעגליכקייטן, און שטיצט די מוסדות מיט א גרעסערן סכום וואס ער קען געבן, ער איז אפשר טאקע נישט מחויב, אבער ער טוט לפנים משורת הדין, באקומט ער דעם שכר דערפאר, אז ער קען מגדל זיין זיינע קינדער צו תורה ויראת שמים כאוות נפשו.

איי, ווי וויכטיג איז דאס אין די היינטיגע צייטן. ווער פון אונז איז נישט דערשראקן פונעם עתיד? די נסיונות זענען אזוי ביטער, די גאס אזוי פארפוילט, און דער יצר הרע וחיילותיו אזוי מעכטיג. מי יכול לעמוד באילו? ווער קען זיך קעגנשטעלן קעגן די אלע כוחות? ווער זוכט דען נישט אן עצה ווי אזוי זיך צו פארזיכערן בעזהשי״ת אז זיינע קינדער וועלן קענען ביישטיין די אלע ברויזענדע כוואליעס, און יא בלייבן ערליך און אפגעהיטן?

יעדער זוכט עס און יעדער וויל עס. די עצה דערצו געט אונז אונזער הייליגער רבי זי״ע. שטיצן די מוסדות וואו די קינדער לערנען איבער די כוחות! דער שכר דערויף באקומט נאך בעולם הזה, אז די קינדער וועלן נתגדל ווערן ע״ד הטובה והישרה, לתפארת הוריהם ומוריהם.

### א שאד צו פארפאסן אזא הייליגע סגולה!

א געוויסן מספר, איז עס מקלקל די כוונה, אבער אויב איינער געט מער פונעם מספר, בלייבט עס אבער נאך אלץ מיט די זעלבע כוונה, אפילו אויב מען האט געגעבן מער. (מ'זעט דאס אין שולחן ערוך הלכות שבת ביי די הלכות פון "הדלקת הנרות", אז טראץ וואס מ'צינדט צוויי ליכט קעגן זכור ושמור, דאך קען מען אלץ צולייגן נאך ליכט, ווייל מען קען אלץ צולייגן צו א זאך וואס מען האט אינזינען א געוויסן מספר, דער עיקר איז נאר אז מען זאל נישט לייגן ווייניגער).

"דאס זעלבע איז אויך לעניננו, ווילאנג עס איז דער מנין פון ח"י אין דעם סכום, אפילו מען געט מער פון ח"י בלייבט אבער דער מספר פון ח"י אויף שטענדיג. און אויב מ'געט מען מער פון ח"י איז עס אסאך מאל ח"י.

**"אלענפאלס דארף מען דאנקן דעם אויבערשטן אז ער האט אונז חונן דעת געווען, און מ'האט אויפגעשטעלט דא דעם מקום חינוך. באמת קען מען זאגן אויף דעם "זה בית חייהם" ווייל "דאס"** (די מוסדות) **איז אונזער חיות, אז - דער בורא כל עולמים זאל העלפן - מיר זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן דורות.**

"מ'דארף נישט ארויסברענגען די געוואלדיגע שוועריקייטן וואס איז פארבינדן מיטן אנפירן די מוסדות. קודם בכמות. **רוב עולם פלאגט זיך שטארק אויף דאס ביסל פרנסה וואס מען מאכט, און ביז מען קריגט עפעס א ארבעט מיט וואס זיך מפרנס צו זיין איז דאך אויך אזוי שווער, ווי יעדער ווייסט דאס אליינס.**

"אויסער דעם איז זייער שווער באיכות. אונז האף מיר דאך - איך זאג דאך שטענדיג אז עס זענען שוין טאקע געווען דא פון פריער פארשידענע ישיבות וואס ארבעטן אביסל צו פאררעכטן דעם מצב, אבער די אלע פאררעכטן נישט נאר עטליכע פראצענט. **איך האף אז ביי אונז וועט פון יעדעס קינד אויפגעבויט ווערן א בית שלם, א אידיש דור מאמירם בהשי"ת און מקושר צו די תורה, אזוי אז יעדעס קינד איז א גאנץ דור, אזוי האפט מען, און עס איז זענען דא אויסזיכטן אויף דעם.**

"(עכ"פ) **קען מען פארשטיין ווי שווער עס איז צו שאפן נאר פון דאס ביסל אידן די גרויסע סכומים וואס פעלט זיך אויס דערצו.** מ'דארף דאך נישט מסביר זיין אז פונדרויסן האבן מיר נישט קיין שום תמיכה און שטיצע.

"כ'האב פריער געזאגט אז כ'האב געהערט אז עס זענען ב"ה דא אכצן הונדערט קינדער, און איך האב געהאט דעם חשבון אז מ'האמיר מער פון הונדערט איינגעשטעלטע. אבער איצט האב איך געהערט אז מ'האמיר שוין מער פון הונדערט-דרייסיג, און די אלע דארף מען געבן פרנסה יעדע וואך. אונזער עולם ווייסט דאך דעם אמת, אז עס איז נישט קיין שום גוזמאות, קען מען דאך מאכן א חשבון און פארשטיין ווי גרויס עס איז דער געברויך, און וויפיל מען דארף אויסגעבן.

**"אסאך מאל בלייבט דער שכל שטיין, ווי אזוי מ'פירט דאס דורך. נאר מ'האט התחזקות אין השי"ת אז מ'זאל חלילה נישט שטיין בלייבן מיט אמאל. היי-יאר אליינס זענען צוגעקומען מער פון פיר הונדערט קינדער, וואס דאס אליינס איז א גרויסער ישיבה** (מוסד).

"פארגאנגענעם יאר האט מען פארענדיגט מיט א דעפיציט. פון וואו זאל מען דאס נעמען אז מען זאל דאס קענען אויסהאלטן? **חס ושלום אז דאס** (די מוסדות) **בטל ווערן, דעמאלט וועט דאך אינגאנצן צושטערט ווערן אונזער גאנצער חיות,** נאר דאס איז אונזער גאנצער חיות! דאס איז אונזער חיזוק וואס נאר צוליב דעם זענען מיר אהערגעקומען! דאס איז אונזער גאנצער יסוד!

**"דער זכות** (של תשב"ר) **דאס וועט מגין זיין אויף אונז, אז מיר זאלן זיך קענען דערהאלטן און אויסהאלטן דעם שווערן גלות.** ביי די תינוקות של בית רבן געפונט זיך דאך די שכינה, ווי עס שטייט אין מדרש איכה אויפן פסוק ויצא מן בת ציון כל הדרה. דאס איז טאקע אויך א טעם צוליב וועלכע די תלמוד תורה ווערט אנגערופן "בית חייהם" ווייל דארט איז דא השראת השכינה, און די שכינה הקדושה איז דער חיות פון אידן.

"איך מוז זאגן בקיצור. פאר אנדערע ישיבות קען מען אפעלירן אין די גאנצע וועלט. פון אלע סכומים און געלטער וואס קומט אן קיין אמעריקע גייט אלעס פאר די סטרא אחרא, אבער אביסל פאלט צו אויך פאר זיי. אבער מיר קענען דאס נישט טון (צו אפעלירן ביי די דרויסנדע גאס). דעם טעם דערפון ווייסט דאך יעדער איינער. **מיר קענען נאר אפעלירן צו די אידן וואס קומען צו אונז און האבן געפיל, מ'פארשטייט וואס דאס איז חינוך, זיי דארפן פארשטיין אז יעדער דארף געבן און תומך זיין העכער די כוחות,** עס איז נישט דא קיין אנדערע עצה און קיין אנדערע וועג. חלילה אז מען זאל דאס מבטל זיין, צי חלילה אז מען זאל נישט קענען אננעמען נאך קינדער. מען פלאגט זיך דאך אויף דעם, צוציען נאך קינדער צו תורה און אידישקייט, אויף דעם פלאגט מען זיך און אויף דעם פארלייגט מען אן א שיעור כוחות.

"עס פארשטייט זיך אליינס אז ווען דער אויבערשטער העלפט און עס ווערן צוגעצויגן נאך קינדער איז זיכער אז מען טאר נישט אוועקשיקן, צו דערווייטערן די קינדער מתחת כנפי השכינה איז דאך א לעבנס פראגע, **דעריבער מוז מען אפעלירן מיטן גאנצן כח צו דעם ציבור, און בעטן פון יעדן איינעם אז מען זאל געבן איבער די כוחות און געבן מער וויפיל מען קען.**

עד כאן דבריו הקדושים פון רבי'ן זי"ע וואס ער האט געזאגט דאן ביים דינער בשנת תשי"ח.

*

וואלט כדאי געווען איבערצומישן דאס בלעטל מיט עטליכע אין פופציג יאר שפעטער, זיך זען אינעם מצב פון האי שעת"א שנת תשע"א, און איבערשרייבן כמעט די זעלבע ווערטער מיט בלויז קליינטשיקע הוספות, צו זען ווי געגאסן די

**בשעתו האט טאקע רביה"ק זי"ע געבעטן אז יעדער זאל געבן לכה"פ ח"י דאלאר, וואס אין יענע יארן האט מען געקענט פארדינען אכצן דאלאר פאר א גאנצע וואך ארבעט.**

ווערטער זענען צום היינטיגן מצב פון די הייליגע מוסדות.

"מורי ורבותי. מ'דארף דאך נישט זאגן. מ'האט אונז פארטריבן... ס'איז נסים ונפלאות, ס'איז גרויסע חסדים אז מען האט דאס איבערגעלעבט. עס איז זיכער נישט אומזיסט. מ'דארף דאנקן דעם אויבערשטן אז ער האט אונז ביז איצט נישט פארלאזט, און מ'האמיר זוכה געווען אויפצושטעלן אזא שיינעם מקום חינוך.

**"עטליכע יאר צוריק האט מען פריש אנגעהויבן מיט די מוסדות, אבער מ'האט אנגעהויבן מיט ליידיגע הענט. מ'האט נישט געהאט גארנישט מיט וואס אנצוהייבן. מ'האט בלויז געהאט "קינדער" מיט וועמען אנצוהייבן. ב"ה איצט אנהייב ווינטער האט מען שוין געהאלטן ביי מער פון פינף טויזענט קינדער בליעה"ר!**

**"אלענפאלס דארף מען דאנקן דעם אויבערשטן אז ער האט אונז חונן דעת געווען פריש אויפצושטעלן די הייליגע מוסדות, וואס באמת קען מען דערויף זאגן דעם "זה בית חייהם" ווייל "דאס"** (די מוסדות) **איז אונזער חיות, אז מיר זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן דורות אויף דעם וועג ווי מען איז מחנך די קינדער אין אונזערע מוסדות. מ'האפט אז אויף דעם אופן וואס מען איז ביי אונז מחנך די טייערע קינדערע, וועט פון יעדעס קינד אויפגעבויט ווערן א בית שלם, א אידיש דור מאמינים בהשי"ת, מקושר צו די הייליגע תורה. אזוי אז יעדעס קינד איז א גאנץ דור! עס איז זענען דא אויסזיכטן אויף דעם אז אויף דעם אופן זאל קענען מגדל זיין שיינע ליכטיגע אידישע דורות!**

"מ'דארף נישט ארויסברענגען די געוואלדיגע שוועריקייטן מיט וואס אנפירן די מוסדות איז פארבינדן. **קודם בכמות. רוב עולם פלאגט זיך שטארק אויף דאס ביסל פרנסה וואס מען מאכט, ליידער אסאך האבן פארלוירן די פרנסה, און ביז מען דערשלאגט זיך צוריק צו א געהעריגע פרנסה, איז דאס זייער שווער, ווי יעדער ווייסט דאס אליינס.** אויסער דעם איז זייער שווער באיכות. **קען מען פארשטיין ווי שווער עס איז צו שאפן נאר פון דאס ביסל אידן, פון אונזער היימישן ציבור, די גרויסע סכומים וואס פעלט זיך אויס דערצו.** מ'דארף דאך נישט מסביר זיין אז פונדרויסן האבן מיר נישט קיין שום תמיכה און שטיצע.

**"אסאך מאל בלייבט דער שכל שטיין, ווי אזוי מ'פירט דאס דורך. נאר מ'האט התחזקות אין השי"ת אז מ'זאל חלילה נישט שטיין בלייבן וואו מען האט געהאלטן אמאל. היי-יאר אליינס זענען צוגעקומען מער פון זעקס הונדערט קינדער! וואס דאס אליינס איז א גרויסער מוסד.**

**"פארגאנגענעם יאר האט מען פארענדיגט מיט א דעפיציט. פון וואו זאל מען דאס נעמען אז מען זאל דאס קענען אויסהאלטן? חס ושלום אז די מוסדות וועלן בטל ווערן, וועט דאך אונזער גאנצער יסוד בטל ווערן!** נאר דאס איז אונזער גאנצער חיות! דאס איז אונזער חיזוק וואס נאר צוליב דעם זענען מיר דא! דאס איז אונזער גאנצער יסוד!.

**"מיר קענען נאר אפעלירן צו די אידן וואס האבן געפיל צו אונז, מ'פארשטייט וואס דאס איז דער סארט חינוך וואס מ'געט פאר אונזערע תלמידים, זיי דארפן פארשטיין אז יעדער דארף געבן און אונז תומך זיין העכער די כוחות,** עס איז נישט דא קיין אנדערע עצה און קיין אנדערע וועג. **דעריבער מוז מען אפעלירן מיטן גאנצן כח צו דעם ציבור, און בעטן פון יעדען איינעם אז מען זאל געבן איבער די כוחות און געבן מער וויפיל מען קען.**

"**דער זכות** (של תשב"ר) **דאס וועט מגין זיין אוף אונז, אז מיר זאלן זיך קענען דערהאלטן און אויסהאלטן דעם שווערן גלות.**

יראה כאילו בעל השמועה עומד לפנינו! לאמיר זיך פארשטעלן ווי אונזער הייליגער רבי זי"ע שטייט פאר אונז. ער וואלט אונז זיכער געזאגט די דערמאנטע ווערטער!. דאס וואלט ער געזאגט, און דאס וואלט ער געפאדערט, נאר... ער וואלט זיכער געפאדערט פיל מער!

בשעתו האט טאקע רביה"ק זי"ע געבעטן אז יעדער זאל געבן לכה"פ ח"י דאלאר, וואס אין יענע יארן האט מען געקענט פארדינען אכצן דאלאר פאר א גאנצע וואך ארבעט.

עס איז איבעריג ארויסצוברענגען אז לויטן היינטיגן מצב איז אכצן דאלאר גארנישט מיט גארנישט פאר די הייליגע מוסדות. פראצענטועל לויט וויפיל מען פארדינט היינט, און לויט וויפיל עס איז דער בודזשעט און דער דעפיציט, וואלט דער רבי זי"ע זיכער פארלאנגט לכה"פ הונדערט מאל אזויפיל, יעדער זאל געבן לכה"פ $1,800 !!!.

וואס עס איז אמאל זיכער. יעדער דארף געבן יותר מכפי יכולתו. טראץ וואס מען מוטשעט זיך היינט, דארף יעדער זען צו געבן איבער די כוחות, צו פארזיכערן בעזהשי"ת אז די כחות וואס מען לייגט אריין אינעם חינוך, און די זעלטענעם כוחות וואס עס איז דא היינט, צו קענען מחנך די קינדער אויף אזא שיינעם פארנעם, אז דאס זאל האבן א קיום און א המשך.

לאמיר זען דאס אנצוהאלטן ווייטער, דורכן שטיצן די הייליגע מוסדות ביד רחבה ורוח נדיבה, וברכת צדיק יחולו על ראשינו צו קענען מחנך זיין די אייגענע קינדער טראץ די שווערע און ביטערע נסיונות מיט וואס די גאס איז ליידער פארלפלייצט, און טאקע מיט דעם לגיון של מלך וועלן מיר קענען גיין קעגן משיח צדקינו, בב"א.

**עס איז איבעריג ארויסצוברענגען אז לויטן היינטיגן מצב איז אכצן דאלאר גארנישט מיט גארנישט פאר די הייליגע מוסדות. פראצענטועל לויט וויפיל מען פארדינט היינט, און לויט וויפיל עס איז דער בודזשעט און דער דעפיציט, וואלט דער רבי זי"ע זיכער פארלאנגט לכה"פ הונדערט מאל אזויפיל, יעדער זאל געבן לכה"פ $1,800 !!!.**

פארזעצונג פון זייט א

אין אלע פליגלען פון די מוסדות ווערט אנגעצייגט אויף דעם פענעמענאלן וואוקס בליעה"ר, מיט פילע הונדערטער פרישע קינדער יעדעס יאר; אין אלע אפטיילונגען וואקסט דער צאל כיתות און קלאסן, וואס מאכט דעם מוסד פאר א 100% פראצענטיגן וואוקס בליעה"ר, און ועל כולם איז דער פאקט דערפרייענד אז דער סטאנדארט פון די מוסדות שטייט אויפן העכסטן שטאפל, פון ערליכע משפחות וועלכע זוכן אז די קינדער זאלן ארייקומען אין די הייליגע מוסדות צו באקומען דעם ריינעם ערליכן חינוך, שמן זית זך, דער חינוך הטהור מיסודו פון מרן רבינו הקדוש זי"ע בלי שום שינוי זוז כל שהוא.

אבער אינאיינעם מיט דעם דערפרייענדן פאקט, וואקסט מיט דער יערליכער בודזשעט, וואס האלט שוין היינט ביי העכער פינף און צוואנציג מיליאן דאללער, און ס'איז נישטא פון וואו דאס צו דעקן, נאר בנדבת לבם פון סאטמארער חסידים וועלכע פארשטייען דעם צורך השעה און וועלן מנדב זיין גרויסע סכומים צום היי-יעריגן דינער, כ"א כסלו הבעל"ט.

ב"ה אז ס'הערשט א ברייטע צופרידנהייט און עונג רוחני ביים גאנצן סאטמארן ציבור, מיט די גאלדענע פירות אין די מוסדות הק', וואס פארזיכערט דעם רוחניות'דיגן עתיד פון דעם הייליגן נאמען "סאטמאר", אבער לעומת זה מוז דער ציבור דאס העלפן פינאנצירן, אקעגנקומען די עסקנים מיט גאר ברייטע סכומים, זיך אנשליסן מיט די מאקסימאלסטע נדבות, להחזקת התורה והחינוך פון אלפי תלמידים ותלמידות, און דורך דעם זוכה זיין צו די הייליגע הבטחה וואס דער מייסד המוסדות מרן רבינו הק' מסאטמאר זי"ע האט אנגעוויינטשן בלשון קדשו: "ווער עס וועט העלפן מיינע מוסדות וועל איך קיינמאל נישט שולדיג בלייבן".

צו די זעלבע צייט ווערן געמאכט די לעצטע צוגרייטונגען צו פלאצירן דעם מעמד אדיר ונשגב, די מסיבת הודאה און דינער השנתי קומענדיגן כ"א כסלו הבעל"ט, וואס געפאלט היי-יאר מוצאי שב"ק פר' וישב, און וועט בעז"ה זיין קאמבאנירט אינאיינעם מיט שמחת קהלינו, דער סיום מס' סוטה אין די "חבורת יסודי התורה" וואס ווערט געלערנט דורך אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר בכל קצוי תבל, און די גרויסע שמחת בית צדיקים "שמחת שבע ברכות" פון נכדת מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, בת חדב"ן הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א רב ביהמ"ד בשכונת ברך משה, קרית יואל, און אנטשפרעכט צו זיין א מעמד מפואר ומרומם וואס וועט אויף לאנג געדענקט ווערן דורך די רבבות אלפי ישראל.

פתחו שערים לשלוחי הציבור.


ישיבה תורה ויראה
ובית רחל דרבינו יואל
מסאטמאר
נתייסדה ע"י כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זי"ע

Central
United Talmudical
Academy
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת יום עש"ק פרשת וירא תשע"א לפ"ק

# מודעה חשובה

מיר טוען מעלדן פאר אנ"ש תושבי שכונתינו אז
דער חשובער גבאי צדקה של מוסדותינו הק'

מו"ה **נתנאל ברוין** הי"ו

וועט זיך געפינען אי"ה

## יעדן דינסטאג אינדערפרי

אין

## בית מדרשינו החדש – סאוט 8

**איבערצונעמען די נדבות פונעם חשוב'ן ציבור לטובת מוסדותינו הקדושים מיט אירע טויזנטער תלמידים ותלמידות כ"י**

**פאר אנדערע זמנים קען מען אים רופען**

## 718-797-2888 #330

**הנהלת המוסדות** **דינער קאמיטע**

**נ.ב. ווער עס וויל גיין מיט א פושקע דא אין בית המדרש שחרית אדער מנחה זאל זיך מעלדן צי ר' נתנאל**

Main Office: 76 Rutledge St. Brooklyn NY 11211 • Tel.: 718.797.2888 • Fax: 718.797.2889
Buildings: 762 Wythe Avenue · 8 Skillman Street · 414 Flushing Avenue · 84 Sanford Street

ישיבה תורה ויראה
ובית רחל דרבינו יואל
מסאטמאר
נתייסדה ע"י כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זי"ע

Central
United Talmudical
Academy
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# גורל אחד לכם

אויף די אנפראגע פונעם ציבור לאזן מיר וויסן, אז

## אלע נדיבים

וועלכע באשטייערן זיך מיט נדבות לטובת
מוסדותינו הקדושים אין די יעצטיגע וואכן
ביז צום דינער השנתי כ"א כסלו

## וועלן אריינגיין אין די "גורלות"

וואס וועט פראקלאמירט ווערן אין די וואכן פונעם
דינער

מיט שעצונג
**דינער קאמיטע**

Main Office: 76 Rutledge St. Brooklyn NY 11211 • Tel.: 718.797.2888 • Fax: 718.797.2889
Buildings: 762 Wythe Avenue - 8 Skillman Street - 414 Flushing Avenue - 84 Sanford Street

# יעדענס נתינה איז קריטיש וויכטיג!

נעמט אריין די
עסקנים און
באשטייערט אייך
מיט אפצוקויפן
איינס פון די
זכותים במוסדותינו
הק'

ספר ומונה



# ביני ובינך הוא!

## די מוסדות איז א "שותפות" צווישן די עלטערן און מלמדים

### צד המוסדות

די מוסדות געבן פאר די קינדער דעם בעסטן חינוך וואס איז נאר שייך! עס איז דער פאקט: "אלע" מוסדות התורה פרובירן נאכצוגיין אונזערע פיסטריט

### צד ההורים

פון די עלטערן פארלאנגט זיך אנצושטערענגן מיט די באשטימטע סכומים כדי דאס צו קענען אהערשטעלן!

**ווי מער איר לייגט אריין אינעם שותפות, אלס גרעסער זענען די רוחים בעזהשי"ת**

ישיבה תורה ויראה דסאטמאר
נתייסדה ע"י
כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט
בעל דברי יואל זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## דינער השנתי
## כ"א כסלו